בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

ספֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת כִּי תָבֹא

תש"פ

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ דְרוּקְן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה?..............................א

זָאל מֶען גֵיין מִיט אַ גַארְטְל?..........................................ג

מֶעג אִיךְ רֶעדְן מִיט אֵיינֶעם וָואס לַאכְט אָפּ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?..................................................................ה

ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט נִסְיוֹנוֹת אִין דִי בִּיזְנֶעס?...ו

וָואס טוּט מֶען וֶוען דָאס קִינְד הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָּאלְגְן?.......ז

פַארְוָואס גִיסְט מֶען אַרָאפּ וַואסֶער פַאר'ן טְרִינְקֶען?.............ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

פוּן אַ קִינְד שֶׁעמְט מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ נֶעמֶען דִי סְפָרִים..........א

דֶערְצֵייל אַלֶעס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ וֶוערְן שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ.....................................................................ב

נָאר עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער גֵייעֶן הֲפָצָה..........................ג

אַ יוּנְגֶע מֵיידְל קֶען זַיין מֶער עֶרְוַואקְסְן ווִי אַן עֶלְטֶערֶע מֵיידְל.....................................................................ד

אִיךְ דַארְפְט זַיין מֶער פָּארְזִיכְטִיג, וַוייל אַלֶע קוּקְן אוּן מַאכְן אַייךְ נָאךְ......................................................................ד

מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן צְנִיעוּת מִיט אַ לִיבְשַׁאפְט ...............ה

זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן אוֹיף אַ שֵׁיינֶע וֶועג.........................ו

וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים פוּן קֶעמְפּ, הֶעלְף דַיין מַאמֶע ............ ז

מֶען דַארְף אַסַאךְ תְּפִילוֹת אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה ........................................ ח

מִיר זֶענֶען וַוייטֶער מִתְפַּלֵל פַאר דִיר ........................ ט

זַייט קְלוּג, אוּן הַאלְט אַייךְ וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ .................. ט

סְתַם אוֹיסְוַוארְפְן גֶעלְט פַאר אַפָּאר שָׁעָה, אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה .............................................. י

צְנִיעוּת בַּיים אַרְבֶּעטְס פְּלַאץ ............................ יב

מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן .......................... יג

נִישְׁט זִיךְ שְׁרַייבְּן מֶעסֶעדְזְשֶׁעס צְוִוישְׁן חָתָן כַּלָה ........... יד

לֶערְנֶען צוּפְרִי אִינֶעם נַייֶעם כּוֹלֵל בּוֹקֶר ...................... טו

נוּצְטְס אוֹיס דִי שְׁטֶעטְל פַאר הִתְבּוֹדְדוּת ...................... טז

לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי ................................ יז

דֶער רֶבִּי קֶען דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דַיין בְּלָאטֶע ............... יח

כּוֹלֵל הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי ................ כ

מַאךְ יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנוֹת צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן .......... כ

אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין צְנִיעוּת'דִיג, כָאטְשׁ בֶּעט אוֹיף דֶעם .............................................. כב

תְּפִלָה אִיז פָּשׁוּט'ע דִיבּוּרִים ................................ כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ דְרוּקְן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה ?

**שְׁאֵלָה :**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן שְׁרַייבְּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אָדֶער כָאטְשׁ צוּ צוּזַאמְנֶעמֶען חִידוּשֵׁי תּוֹרָה (עַיֵין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קה). דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן צַאמְצוּנֶעמֶען עֵצוֹת אוֹיף אֱמוּנָה אָדֶער אוֹיף שְׁמִירַת הַבְּרִית פוּן סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב, אִיךְ זֶע אָבֶער אַז עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין גֶעהֶערִיג מְסוּדָר וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען דָאס מַאכְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן אוֹפָן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה :**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ פַאר דַיין תִּיקוּן, אַז דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף שְׁמִירַת הַבְּרִית, אוֹיף אֱמוּנָה אוּן אוֹיף אַנְדֶערֶע נוֹשְׂאִים אוּן דוּ זָאלְסְט דָאס דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַלֶעמֶען ; דָאס וֶועט זַיין דַיין גְרֶעסְטֶער תִּיקוּן, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל צַאמְנֶעמֶען חִידוּשֵׁי תּוֹרָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא) : ״תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה -

שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", ווי אַזוֹי קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית? אַז מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים, ווי עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה. אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בְּיָדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדַל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא וְגָרִים דְּאִסְתָּלַק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין צוּ אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אָבֶּער נִישְׁט אַלֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה קֶען מֶען דְרוּקְן; אַמָאל קֶען מֶען מִיט חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אַרָאפּ וַוארְפְן אַ צְוֵוייטְן אִין יֵאוּשׁ, אַמָאל קֶען מֶען מְרַחֵק זַיין אַנְדֶערֶע מִיט חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יט): "וּבְחִדּוּשִׁין דְּאוֹרַיְתָא שֶׁמְּחַדְּשִׁין", וֶוען מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אִיז מֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, "יְכוֹלִים לַעֲבֹר מַמָּשׁ גָּנֹב וְנָאֹף וְרָצֹחַ בְּכָל פַּעַם, בְּכָל רֶגַע, רַחֲמָנָא לִצְּלָן", מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ עוֹבֵר זַיין אוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן; מֶען קֶען אַרָאפּ וַוארְפְן אַנְדֶערֶע.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ ווִילְסְט פַארְרֶעכְטְן דַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלְסְטוּ דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וּבִפְרַט דִי קוּנְטְרֵסִים אוּן סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן; דִי חִידוּשֵׁי תּוֹרָה הֵייבְּט אוֹיף נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ הָאפֶענוּנְג אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶס וַוייזְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**
**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

...

## זָאל מֶען גֵיין מִיט אַ גַארְטְל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר זֶענֶען לִיטְוִויש, אָבֶער מִיר הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען דֶעם וֶועג פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן מוֹהֲרַא"שׁ, אוּן דָאס הֶעלְפְט אוּנְז גָאר אַסַאךְ אִין לֶעבְּן. מִיר זֶענֶען לֶעצְטְנְס גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַא"שׁ אִין יַבְנְאֵל אוּן מִיר זֶענֶען פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין אַ טֵייל פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

מַיין מַאן הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אָנְטוּן אַ גַארְטְל, טְרָאץ וָואס מִיר זֶענֶען לִיטְוִויש אוּן וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים צִיּוּן אִין יַבְנְאֵל הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן טַאקֶע אָנְצוּטוּן אַ גַארְטְל. אָבֶער אָנְקוּמֶענְדִיג אַהֵיים הָאט אוּנְזֶער רָב אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל עֶס נִישְׁט טוּן, עֶר קֶען זִיךְ פִירְן חֲסִידִישׁ אִינְדֶערְהֵיים אָבֶער נִישְׁט אִינְדְרוֹיסְן, וַוייל אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען אִין לִיטְוִוישֶׁע מוֹסְדוֹת אוּן דָאס קֶען זֵיי מַאכְן שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן אַ שְׁוֶוערֶערֶע קֶשֶׁר מִיט זֵייעֶר פָּאטֶער. וַוייל דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶס אָדֶער שְׁוַוארְץ אָדֶער וַוייס - אָדֶער אִיז מֶען חֲסִידִישׁ אָדֶער לִיטְוִויש, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִינְצְווִישְׁן.

מַיין מַאן הָאט דָאס אָנְגֶענוּמֶען אָבֶער עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר פִילְט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן; אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט הָאבְּן צַייט אוּנְז צוּ שְׁרַייבְּן אוּן מְחַזֵק זַיין.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... שֶׁיִּחְיוּ**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן צא, סְעִיף ב): "צָרִיךְ לֶאֱזֹר אֵזוֹר בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה", מֶען דַארְף אָנְטוּן אַ גַארְטְל וֶוען מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען, "אֲפִילוּ יֵשׁ לוֹ אַבְנֵט שֶׁאֵין לִבּוֹ רוֹאֶה אֶת הָעֶרְוָה", אֲפִילוּ דֶער וָואס הָאט שׁוֹין סַיי וִוי אַ צְווִישְׁנְשֵׁייד צְווִישְׁן דִי הַארְץ אִין דִי עֶרְוָה דַארְף זִיךְ אוֹיךְ אָנְטוּן אַ גַארְטְל וֶוען

מֶען גֵייט דַאוֶונֶען, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (עָמוֹס ד, יב): "הִכּוֹן לִקְרַאת אֱלֹקֶיךָ יִשְׂרָאֵל", מַאךְ זִיךְ שֵׁיין וֶוען דוּ גֵייסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווַייל וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק דַאוֶונֶען פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף מֶען זִיךְ אָנְגְרֵייטְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַזוֹי ווִי מֶען גֵייט צוּ אַ קֶענִיג; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ אָנְגַארְטְלֶען מִיט אַ גַארְטְל וֶוען מֶען גֵייט דַאוֶונֶען.

עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז מֶען דַארְף נִישְׁט אָנְטוּן קַיין גַארְטְל ווַייל מֶען גֵייט הַיינְט מִיט הוֹיזְן אוּן אִין דִי הוֹיזְן אִיז דָא אַ גַארְטְל וָואס שֵׁיידְט שׁוֹין סַיי ווִי אָפּ צְווִישְׁן דִי הַארְץ אוּן דִי עֶרְוָה, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, ווַייל דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ זָאגְט קְלָאר אַז אֲפִילוּ דִי הַארְץ זֶעט נִישְׁט דִי עֶרְוָה דַארְף מֶען אָנְטוּן אַ גַארְטְל, אַלְץ הִכּוֹן לִקְרַאת אֱלֹקֶיךָ יִשְׂרָאֵל, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר יָא גֵיין מִיט אַ גַארְטְל; אִיר וֶועט גָארְנִישְׁט דֶערְלֵייגְן דֶערְפוּן.

עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת דֶער כְּלַל וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין אִינְצְווִישְׁן נָאר מֶען מוּז גֶעהֶערְן אַהֶער אָדֶער אַהִין; אַז מֶען קוּקְט וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, מֶען לֶעבְּט פַּאר אַנְדֶערֶע - וֵוייס אִיךְ נִישְׁט, אָבֶּער דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶענֶען יָא גֵיין אִינְצְווִישְׁן.

נֶעמְט דִי גוּטֶע זַאכְן פוּן דִי לִיטְווִישֶׁע אוּן דִי גוּטֶע זַאכְן פוּן דִי חֲסִידִים, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דָאס גוּטְס פוּן דִי חֲסִידִים אוּן דָאס גוּטְס פוּן דִי לִיטְווִישֶׁע"; ווַייל בַּיי חֲסִידִים אִיז דֶער עִיקָר תְּפִלָּה, אוּן בַּיי דִי לִיטְווִישֶׁע אִיז דֶער עִיקָר תּוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט בֵּיידֶע; בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז): "מַה יֵּשׁ לְהָאָדָם לַעֲשׂוֹת בְּזֶה הָעוֹלָם, אֵין צָרִיךְ כִּי אִם לְהִתְפַּלֵּל וְלִלְמֹד וּלְהִתְפַּלֵּל", וָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ צוּ טוּן אוֹיף דִי וֶועלְט? נָאר דַאוֶונֶען, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

אַז אִיר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פַאר אַייעֶר וֶועג ווַייזֶער זָאלְט אִיר נֶעמֶען דָאס גוּטְס פוּן דִי לִיטְווִישֶׁע אוּן דָאס גוּטְס פוּן דִי חֲסִידִים, בֵּיידֶע כִּיתּוֹת זֶענֶען טַייעֶרֶע אִידְן, בֵּיידֶע הָאבְּן מַעֲלוֹת וָואס מֶען דַארְף זִיךְ לֶערְנֶען פוּן זֵיי. גֵייט ווַייטֶער אוֹיף אַייעֶר וֶועג אוּן שִׁיקְט ווַייטֶער דִי קִינְדֶער אִין דִי לִיטְווִישֶׁע חֵדֶר אוּן אוֹיךְ זָאלְט אִיר נֶעמֶען דָאס גוּטְס פוּן חֲסִידִים, אִיךְ זָאג אַייךְ צִי עֶס וֶועט אַייךְ נִישְׁט שָׁאטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### מֶעג אִיךְ רֶעדְן מִיט אֵיינֶעם וָואס לַאכְט אָפּ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶעג אִיךְ רֶעדְן מִיט אַ אִיד וָואס לַאכְט אוּן שְׁפֶּעט אָפּ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

לֵיצָנוּת אִיז אֲבִי אֲבוֹת הַטוּמְאָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא טוּמְאָה וָואס פַארְשְׁטֶעלְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי דִי טוּמְאָה פוּן לֵיצָנוּת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח:): "הַבָּא לְטַמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ", וֶוער עֶס ווִיל אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט מֶען אִים צוּ פוּן הִימְל עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, לד): אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ"; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, פַארְוָואס הָאט מֶען אָנְגֶעכַאפְּט דַוְקָא דֶעם פָּסוּק "אִם לַלֵּצִים הוּא יָלִיץ"? ווַייל אַז אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זִיךְ מְטַמֵּא זַיין בְּרֶענְגְט מֶען אִים אַ לֵץ וָואס יֶענֶער לַאכְט אָפּ פוּן אַלֶעס וָואס צַדִיקִים זָאגְן, אַזוֹי פַאלְט עֶר מִמֵּילָא אַרָאפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן, רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ הָאט אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער (פְּסָחִים קיב:): "אַל תָּדוּרוּ בְּשְׁכֶנְצִיב", אִיר זָאלְט נִישְׁט וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט שְׁכֶנְצִיב, ווַייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיסֶע לֵצִים אוּן אִיר וֶועט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי הַארְבּ לֵיצָנוּת אִיז אוּן ווִי ווַייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ עֶר וואוֹינְט אוּן מִיט וֶועם עֶר חַבֶר'ט זִיךְ וְכוּ' וְכוּ'.

וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט יֶענֶעם? עֶר וֶועט דִיר דָאךְ אָפְּקִילְן פוּן רֶבִּי'ן; נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ נִישְׁט קֶענֶען נֶעמֶען מֶער דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט אוֹיפְ'ן לֶעבְּן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ דֶער חָכָם מִכָּל אָדָם זָאגְט אוּנְז

אַזוֹיפִיל מָאל אִין סֵפֶר מִשְׁלֵי מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט קַיין לֵצִים אוּן נַארָאנִים, עֶר זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, ז): "לֵךְ מִנֶּגֶד לְאִישׁ כְּסִיל", שְׁטֵיי וַוייט פוּן אַ נַארִישֶׁער מֶענְטְשׁ, "וּבַל יָדַעְתָּ שִׂפְתֵי דָעַת", ווייל דֶער וָואס חַבֶר'ט זִיךְ מִיט נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן, בַּיים סוֹף וֶועט עֶר נִישְׁט ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי בִּכְלַל נִישְׁט דַיין פְרַאגֶע, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ וֶועלְן רֶעדְן מִיט אֵיינֶער וָואס מַאכְט חוֹזֶק פוּן צַדִיקִים? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ וֶועלְן הָאבְּן שַׁייכוּת מִיט אֵיינֶער וָואס ווִיל דִיר אָפְּשְׁנַיידְן דַיין חַיוּת, דַיין לֶעבְּן? עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ הָאבְּן שַׁייכוּת מִיט אַ לֵץ; אַ לֵץ אִיז נָאךְ מֶער סַכָּנָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ ווִי אַ פַארְצִיקֶנְדֶע חַיָה. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יז, יב): "פָּגוֹשׁ דֹּב שַׁכּוּל בְּאִישׁ", עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ בַּאגֶעגֶענֶען מִיט אַ בֶער וָואס קֶען הַרְגֶ'עֶנֶען אוּן פַארְצִיקְן, "וְאַל-כְּסִיל, בְּאִוַּלְתּוֹ", ווִי צוּ בַּאגֶעגֶענֶען אַ נַאר, אַ לֵץ, וָואס רֶעדְט נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר פַארְפִירְט מֶען זָאל זִינְדִיגְן.

נֶעם זִיךְ גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס וֶועלְן דִיר מְחַזֵק זַיין צוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן צַדִיקִים, וֶועט דִיר זַיין לִיכְטִיג; דוּ וֶועסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. (מִשְׁלֵי יג, כ): "הוֹלֵךְ אֶת חֲכָמִים יֶחְכָּם", דֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועט אַלֵיינְס וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "וְרֹעֶה כְסִילִים יֵרוֹעַ", אוּן דֶער וָואס בַּאפְרַיינְדֶעט זִיךְ מִיט לֵצִים דֶער וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס וֶועלְן דִיר מְחַזֵק זַיין ווִי אֵיידֶער רֶעדְן מִיט לֵצִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט נִסְיוֹנוֹת אִין דִי בִּיזְנֶעס?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ סֶעקְרֶעטֶערִי בַּיי מִיר אִין אָפִּיס וָואס אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ קְרַאנְק פוּן אִיר, זִי אִיז אַן אֵיידְל צְנִיעוּת'דִיגֶע מֵיידְל, אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ סֶעקְרֶעטֶערִיס וָואס זֶענֶען שֶׁענֶער אוּן מֶער אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט ווִי אִיר, אָבֶּער אִיךְ פִיל ווִי זִי מַאכְט מִיר דִי מֶערְסְטֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קָאפּ.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן דֶערְצוּ? זָאל אִיךְ צוּמַאכְן מַיין בִּיזְנֶעס? זָאל אִיךְ אִיר אַוֶועקְשִׁיקְן? הֲגַם

וָואס אִיךְ גְלוֹיבּ נִישְׁט אַז אִיךְ וֶועל טוּן עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטֶס, אָבֶער דִי הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה זֶענֶען דָאךְ עֶרְגֶער פוּן דִי עֲבֵירָה אַלֵיין, אוּן נָאכְדֶערְצוּ אַז חֲזַ"ל זָאגְן "אֵין אַפִּטְרוֹפּוּס לַעֲרָיוֹת".

וָואס טוּ אִיךְ דָא?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ וֵוייסְט אַלֵיינְס וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן; אֵיינְע פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט - אָדֶער פַארְמַאכְן דִי בִּיזְנֶעס אָדֶער אַוֶועק שִׁיקְן דִי סֶעקְרֶעטֶערִיס.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ צָאלְן פַאר מֶענֶער אַרְבֶּעטֶער, וְוִי צוּ זִיצְן מִיט פְרוֹיעֶן אוּן דִי גַאנְצֶע צַייט טְרַאכְטְן פוּן נִיאוּף. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא כט:): "הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה", טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת אִיז הַארְבֶּער פוּן טוּן עֲבֵירוֹת; וֶוערְסְט דָאךְ פַארְבְּרֶענְט פוּן דִי סֶעקְרֶעטֶערִיס, וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס דִי גַאנְצֶע צָרָה?

נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי דִיר אִין אָפִּיס; מַאךְ אַ פְּלַאץ פַאר אִים עֶר זָאל מַאכְן רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה בַּיי דִיר - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט רוּעֶן דִי שְׁכִינָה נָאר אוֹיבּ דִי פְּלַאץ אִיז רֵיין, אוֹיבּ אִיז דִי פְּלַאץ נִישְׁט רֵיין שְׁטֵייט (דְּבָרִים כג, טו): "כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ מִתְהַלֵּךְ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ, לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ, וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ, וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר, וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיר זָאלְט זִיךְ פִּירְן הֵיילִיג, ווַייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ פִּירְן נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֵיין פוּן צְוִוישְׁן אַייךְ.

...

## וָואס טוּט מֶען וֶוען דָאס קִינְד הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָּאלְגְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק. אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט צְוֵויי

לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ און אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט דִי עֶלְטֶערֶע פִיר יֶערִיג קִינְד וָואס הֶערְט נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִיר, זִי פָאלְגְט נִישְׁט מִיךְ און נִישְׁט מַיין מַאן.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע סָארְט וֶועגְן, אָבֶּער גָארְנִישְׁט אַרְבֶּעט נִישְׁט מִיט אִיר. מִיר הַאלְטְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, זִי בַּאקוּמְט נִישְׁט אַלֶעס וָואס זִי פַארְלַאנְגְט און דָאס הָאט זִי זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אָנְצוּנֶעמֶען, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ טוּן זַאכְן וָואס מֶען הֵייסְט אִיר, צוּם בֵּיישְׁפִּיל צוּ אָנְטוּן נַאכְט קְלֵיידֶער, נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי בֶּעבִּי און דָאס גְלַייכְן, דַאן אִיז מַמָּשׁ נִישְׁטָא צוּ וֶועמֶען צוּ רֶעדְן. זִי וֶוערְט אַזוֹי אוֹיפְגֶערֶעגְט און ווִילְד, זִי צֶעבְּרֶעכְט און גִיסְט אוֹיס זַאכְן, און דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס קֶען אִיר אָפְּשְׁטֶעלְן אִיז נָאר אַ פַּאטְשׁ.

מִיר וֵוייסְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, אָבֶּער מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע וֶועג. צוּ גֵיין צוּ חִינוּךְ קְלַאסְן אָדֶער טֶערֶעפִּי פַארְ'ן קִינְד - וֵוייסְן מִיר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאלְט נִישְׁט דֶערְפוּן.

בִּיטֶע הֶעלְפְט אוּנְז אַרוֹיס מִיט דֶעם וַוייל מִיר הַאלְטְן עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אִיר מַאכְן פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַזוֹי זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער, אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד און נִישְׁט פָאלְגֶעדִיג; קִינְדֶער וֶוערְן אַזוֹי גֶעבּוֹירְן. עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב יא, יב): "וְעַיִר פֶּרֶא אָדָם יִוָּלֵד", אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת ווִי אַן אֵייזְל אָן שֵׂכֶל; מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן דִי מִידוֹת. דִי אַרְבֶּעט פוּן עֶלְטֶערְן אִיז צוּ הֶעלְפְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן קֶענֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן.

וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען גָאר יוּנְג אִיז דִי צַייט אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן זֵייעֶרֶע נַאטוּרְן, זֵיי זָאלְן פָאלְגְן; קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע מִיטְלֶען אוֹיסְצוּפִירְן און נִישְׁט פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן. עֶלְטֶערְן דַארְפְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן שְׁטַארְקֶע לִינְיֶעס כְּדֵי דִי קִינְדֶער זָאלְן פָאלְגְן, מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע מִיטְלֶען צוּ צֶעבְּרֶעכְן דִי

עַקְשָׁנוּת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּיב דַארְף דָאס גֵיין מִיט אַ פֶּעטְשְׁל - גֶעבְּט מֶען אַ פֶּעטְשְׁל, בִּיז דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען זִיךְ אוֹיס צוּ פָּאלְגְן.

דִי אַרְבֶּעט אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער אָבֶער שְׁפֶּעטֶער צָאלְט זִיךְ עֶס אוֹיס, אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת אִין חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת, אַז מֶען הֶעלְפְּט דִי קִינְדֶער אוֹיסְבֵּייגְן דִי שְׁוֶועֶרֶע נַאטוּרְן הָאט מֶען שְׁפֶּעטֶער אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי; זֵיי וַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן אוּן גֵייעֶן אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט נָאךְ דִי קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זֵיי טוּן וָואס זֵיי ווִילְן, מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען נִישְׁט קַיין בַּאלִיבְּטֶע טַאטֶע מַאמֶע. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ", עֶלְטֶערְן וָואס מוֹסְרְ'ן נִישְׁט דִי קִינְדֶער - דִי הָאבְּן פַּיינְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, "וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", ווִידֶערְאוּם עֶלְטֶערְן וָואס מוֹסְרְ'ן דִי קִינְדֶער - דִי הָאבְּן לִיבּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. פְּרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שְׁמוֹת רַבָּה א, א) וֶוען עֶלְטֶערְן הֶערְן אַז אֵיינֶער הָאט גֶעשְׁלָאגְן זֵייעֶר קִינְד וֶועלְן זֵיי דָאךְ זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין יֶענֶעם, ווִי קֶען דֶער פָּסוּק זָאגְן אַז דִי עֶלְטֶערְן וָואס שְׁלָאגְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער הָאבְּן פַּיינְט דִי קִינְדֶער? "לְלַמֶּדְךָ, שֶׁכָּל הַמּוֹנֵעַ בְּנוֹ מִן הַמַּרְדּוּת סוֹף בָּא לְתַרְבּוּת רָעָה וְשׂוֹנְאֵהוּ", וַוייל דִי עֶלְטֶערְן וָואס מוֹסְרְ'ן נִישְׁט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן דִי קִינְדֶער אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, זֵיי וֶועלְן אָפְּלָאזְן דִי אִידִישֶׁע וֶועג.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין טָאג; קִינְדֶער טוֹישְׁן זִיךְ נִישְׁט אִין אֵיין טָאג, מֶען דַארְף אַקֶערְן אוּן זֵייעֶן בִּיז מֶען שְׁנַיידְט דִי פֵּירוֹת אָבֶער אַז מֶען הָאט גֶעדוּלְד זֶעט מֶען אַסַאךְ נַחַת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## פַארְוָואס גִיסְט מֶען אַרָאפּ וַואסֶער פַאר'ן טְרִינְקֶען?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי אַ שִׁיעוּר ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גִיסְט אַרָאפּ אַבִּיסְל וַואסֶער פוּנֶעם גְלֶעזְל פַאר'ן טְרִינְקֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם אוּן וָואס אִיז דֶער מְקוֹר דֶערְצוּ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (חולין קה:) אַבַּיֵי הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ פְּלֶעג מֵיינֶען אַז דֶער טַעַם פַארְוָואס מֶען גִיסְט אַרָאפּ אַבִּיסְל וַואסֶער פַארְ'ן טְרִינְקֶען אִיז וַוייל עֶס שְׁוִוימֶען אִין דִי וַואסֶער שְׁטְרוֹיעֶלֶעךְ אוּן שְׁפֶּענְדֶעלֶעךְ, דֶערִיבֶּער גִיסְט מֶען אַרָאפּ דִי שְׁמוּץ, אָבֶּער רַבָּה מַיין רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דִי טַעַם אִיז: "מִשּׁוּם דְּאִיכָּא מַיִם הָרָעִים", אוֹיבּ שֵׁדִים הָאבְּן גֶעטְרִינְקֶען פוּן דִי וַואסֶער קֶען דָאס שָׁאטְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אָבֶּער אַז מֶען גִיסְט אַרָאפּ אַבִּיסְל וַואסֶער שַׁאדְט דָאס נִישְׁט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.

אַזוֹי ווִי עֶס הָאט פַּאסִירְט אִין שְׁטוּבּ פוּן רַב פָּפָּא; עֶס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵיידְט דָארְט אַ שֵׁד וָואס פְּלֶעגְט מְשַׁמֵּשׁ זַיין רַב פָּפָּא, אֵיינְמָאל וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעשִׁיקְט שֶׁעפְּן וַואסֶער פוּן בְּרוּנֶעם, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר פַארְזוֹימְט אוּן נִישְׁט צוּרִיק גֶעקוּמֶען, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס הָאסְטוּ זִיךְ אַזוֹי לַאנְג פַארְזוֹימְט?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי שֵׁדִים טְרִינְקֶען פוּן דִי וַואסֶער, הָאבּ אִיךְ גֶעוַוארְט עֶס זָאל אַוֶועק גֵיין דִי שְׁלֶעכְטֶע וַואסֶער, אִיר זָאלְט נִישְׁט וֶוערְן גֶעשֶׁעדִיגְט", פַארְצֵיילְט דִי גְמָרָא, אַזוֹי רֶעדְנְדִיג הָאט דֶער שֵׁד גֶעזֶען ווִי זֵיי הֵייבְּן אָן טְרִינְקֶען וַואסֶער אוּן פַאר זֵיי טְרִינְקֶען גִיסְן זֵיי אַוֶועק אַבִּיסְל וַואסֶער, הָאט דֶער שֵׁד גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ זָאל ווִיסְן אַז אִיר גִיסְט אַרָאפּ אַבִּיסְל וַואסֶער פַאר אִיר טְרִינְקְט, וָואלְט אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְזוֹימְט, וַוייל דָאס אִיז דִי רְפוּאָה דֶערְצוּ".

דָאס אִיז דֶער מְקוֹר פַארְוָואס מֶען גִיסְט אַרָאפּ אַבִּיסְל פַאר מֶען טְרִינְקְט וַואסֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### פון אַ קִינְד שֶׁעמְט מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּ נֶעמֶען דִי סְפָרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַיֶּלֶד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ גֵייסְט הֲפָצָה מִיט דַיין מְלַמֵד; זַיי וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ מִיטְ׳ן טֵיילְן סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים פון דִי עֵצוֹת פון רֶבִּי׳ן.

וֶוען אַ קִינְד גֵייט הֲפָצָה קֶען עֶר מֶער מַצְלִיחַ זַיין ווי אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער, וַוייל זֵייעֶר אַסאַךְ מֶענְטְשְׁן ווילְן זֵייעֶר שְׁטַארְק נֶעמֶען דִי קוּנְטְרֵסִים אָבֶּער זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ פוּנֶעם מֵפִיץ, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא, ׳וָואס וֶועט עֶר טְרַאכְטְן? עֶר וֶועט מֵיינֶען אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר, וְכוּ׳ וְכוּ׳׳, אָבֶּער וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ קִינְד בְּרֶענְגְט זֵיי דִי סְפָרִים נֶעמֶען זֵיי דָאס מִיט אַ שִׂמְחָה, זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ נִישְׁט.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן מִיט דִי גֶעלְט פון הֲפָצָה; לֵייג אַוֶועק דִי גֶעלְט בִּיז עֶס וֶועט זִיךְ אָנְזַאמְלֶען, דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ מִיר דָאס בְּרֶענְגֶען און אִיךְ וֶועל דְרוּקְן מִיט דֶעם אַ קוּנְטְרֵס אָדֶער אַ סֵפֶר פַאר דַיין זְכוּת.

דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ וָואס מִיר קֶענֶען צוּרִיק גֶעבְּן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אִיז דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים און דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן, זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן דִי זִיסֶע חַיִּים טוֹבִים.

וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּ וואוֹינְסְט אִין אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ וָואס מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט נָאר דֶער נַאטוּר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן דִי אוֹיגְן, מֶען קֶען גֵיין צְווִישְׁן דִי גְרָאז רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאלְסְטוּ זֶען יֶעדְן טָאג צוּ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ און רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## דֶערְצֵייל אַלֶעס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ וֶוערְן שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵייל אִים נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַלֶעס וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט אִים צוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶע דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַלֶע דַיינֶע שְׁרֶעק אוּן אַלֶע דַיינֶע גֶעפִילְן, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ וֶוערְן זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

זָארְג נִישְׁט אַז דוּ נֶעמְסְט מֶעדֶעצִין דוּ זָאלְסְט זַיין אַ רוּאִיגֶע מֵיידְל, עֶס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט שָׁאטְן פַאר דַיין שִׁידוּךְ; אִיךְ הָאף מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּ זַיין דַיין שַׁדְכָן. נָאךְ דַיין חֲתוּנָה וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט דַארְפְן דִי מֶעדֶעצִין.

דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ' רֶעדְט פוּן דִיר זֵייעֶר שֵׁיין; זִי הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ אוּן זִי זָאגְט מִיר אַלְץ שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן דִיר. אַזוֹי אוֹיךְ דַיינֶע לֶערֶערִינְס אוּן קַאוּנְסְלֶערְס דֶערְצֵיילְן מִיר אַז דוּ פִּירְסְט זִיךְ זֵייעֶר אֵיידְל אוּן דוּ רֶעדְסְט זֵייעֶר שֵׁיין צוּ יֶעדֶע מֵיידְל.

בֵּית פֵיגָא שְׁטָאלְצִירְט מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## נָאר עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער גֵייעֶן הֲפָצָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ גֵיין מִיט דִי קִינְדֶער הֲפָצָה; קְלֵיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן נִישְׁט הֲפָצָה. אַז אַ טַאטֶע וִויל מִיטְנֶעמֶען זַיין קִינְד מִיט אִים בִּשְׁעַת הֲפָצָה אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער דִי חֵדֶר קֶען נִישְׁט נֶעמֶען גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער פַאר הֲפָצָה.

וֶוען אִיר וֶועט הָאבְּן אִין חֵדֶר עֶלְטֶערֶע קְלַאסְן דֶעמָאלְט אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג חֵדֶר גֵייעֶן דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער יֶעדֶע פְּרַייטָאג הֲפָצָה, אַזוֹי אוֹיךְ דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער אִין שְׁטֶעטְל גֵייעֶן יֶעדְן טָאג הֲפָצָה מִיט זֵייעֶר מְלַמֵד, אָבֶּער בַּיי אַייךְ אִין חֵדֶר אִיז נָאכְנִישְׁט דָא עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער, אִיז דָאס נִישְׁט שַׁיָיךְ.

בְּנוֹגֵעַ אַהֵיים שִׁיקְן בִּילְדֶער פוּן חֵדֶר; עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ אַהֵיים צוּ שִׁיקְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן יֶעדֶע וָואךְ אַ בִּילְד ווִי דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען. יֶעצְט פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶענְסְט אַהֵיים שִׁיקְן אַ בִּילְד ווִי מֶען בְּלָאזְט שׁוֹפָר פַאר דִי קִינְדֶער, אוֹיךְ ווִי דִי קִינְדֶער בּוֹיעֶן מִיט דִי קְלִיקְס אַן עֶרָאפְּלַאן צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; נָאכְדֶעם ווִי מֶען גֵייט תַּשְׁלִיךְ, ווִי מֶען שְׁלָאגְט כַּפָּרוֹת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. פַּרְשַׁת נֹחַ - ווִי דִי קִינְדֶער בּוֹיעֶן אַ תֵּיבָה, וְכַדוֹמֶה.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי שְׁוֶוערִיקֵייטְן; אַזוֹי ווִי אֵיינֶער לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אוֹיף אַ נְסִיעָה טְרַאכְט עֶר אֵיין זַאךְ: ׳אִיךְ דַארְף אָנְקוּמֶען דָארְט אוּן דָארְט׳, וֶוען עֶס זֶענֶען דָא לֶעכֶער אוֹיפְ׳ן וֶועג שְׁטֶעלְט עֶר נִישְׁט אָפּ דִי נְסִיעָה, וֶוען עֶס אִיז דָא טְרֶעפִּיק שְׁטֶעלְט עֶר נִישְׁט אָפּ דִי נְסִיעָה, עֶר הָאט אִין קָאפּ אֵיין זַאךְ: ׳אִיךְ דַארְף אָנְקוּמֶען דָארְט אוּן דָארְט, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין׳, וד״ל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אַ יוּנְגֶע מֵיידְל קֶען זַיין מֶער עֶרְוַואקְסְן ווִי אַן עֶלְטֶערֶע מֵיידְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דֶער זוּמֶער אִיז אַרִיבֶּער אַזוֹי שֵׁיין בַּיי עֶנְק אִין קֶעמְפּ, דוּ הָאסְט הֲנָאָה גֶעהַאט יֶעדֶע רֶגַע אוּן יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע.

עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען צוּ לַאנְג אוּן דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ כַּלָּה לְמַזָּל טוֹב; עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן ווִי אַלְט מֶען אִיז. עֶס קֶען זַיין אַ מֵיידְל פוּן צְוָואנְצִיג יָאר וָואס וֵוייסְט נָאכְנִישְׁט וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז, אוּן עֶס קֶען זַיין אַ יוּנְגֶע מֵיידְל פוּן צְוֶועלְף יָאר וָואס אִיז שׁוֹין גְרֵייט פַארְ׳ן לֶעבְּן.

וָואס דוּ דַארְפְסְט אוּן וָואס דוּ ווִילְסְט - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיר דַארְפְט זַיין מֶער פָארְזִיכְטִיג, וַוייל אַלֶע קוּקְן אוּן מַאכְן אַייךְ נָאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳.**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אַז אִיר לָאזְט אַייעֶר טָאכְטֶער גֵיין שְׁווִימֶען נִישְׁט בִּצְנִיעוּת; אִיר שְׁרַייבְּט מִיר שְׁטֶענְדִיג אַז אִיר טוּט נָאר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט, אִיר פִירְט אַייעֶר שְׁטוּבּ אַזוֹי ווִי אִיר לֵיינְט אִין דִי בְּרִיוו פוּן אִישׁ אֱמוּנוֹת אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - אוּן יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז אַייעֶר טָאכְטֶער גֵייט שְׁווִימֶען נִישְׁט אֵיידְל.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אַזוֹיפִיל בְּרִיוו אוּן שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין שְׁווִימֶען מִיט אַ בֶּעדִינְג סוּט; אַ בֶּעדִינְג סוּט אִיז אַ בֶּגֶד פוּן פְּרִיצוּת, עֶס אִיז אַ עֶקֶלְדִיגֶע טָמֵא׳נֶע קְלֵייד וָואס טָאר נִישְׁט אַרוֹיף גֵיין אוֹיף אַ אִידִישֶׁע הֵיילִיגֶע פְרוֹי, אֲפִילוּ מֶען טוּט אָן אוֹיף דֶעם אַ שְׁווִים קְלֵייד.

עֶס זֶענֶען דָא נָאךְ מֵיידְלֶעךְ וָואס שְׁווִימֶען נִישְׁט בִּצְנִיעוּת, אָבֶער בַּיי אַייךְ אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ; אִיר דַארְפְט זַיין מֶער פָארְזִיכְטִיג, ווייל אַלֶע קוּקְן אוֹיף אַייעֶר מִשְׁפָּחָה, מֶען וֵוייסְט אַז אַייעֶר מִשְׁפָּחָה פִירְט זִיךְ אַזוֹי ווִי מוֹהֲרַ"ש הָאט גֶעלֶערְנְט, מֶען ווִיל זֶען וָואס אִיר טוּט אוּן אַזוֹי טוּעֶן אַנְדֶערֶע נָאךְ.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דֶעם אוּן אַרוֹיס וַוארְפְן דִי בִּגְדֵי פְּרִיצוּת פוּן אַייעֶר שְׁטוּב.

...

## מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן צְנִיעוּת מִיט אַ לִיבְשַׁאפְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב, בָּארָא פַּארְק.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר שָׁאקִירְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט; פוּן אֵיין זַייט דֶערְשְׁרָאקְן, אַז אַ מֵיידְל הָאט דִיר שְׁטִילֶערְהֵייט דֶערְצֵיילְט, אִיר פְּלַאן אִיז גֶעוֶוען אַז זִי גֵייט זִיךְ אוֹיפְרַייסְן דֶעם זוּמֶער, זִי גֵייט אָפְלָאזְן אִיר צְנִיעוּת ווייל זִי קוּמְט פוּן אַ סְקוּל וָואס דָארְט לֵייגְט מֶען אַרַיין צְנִיעוּת מִיט צְווִינְגֶען, מֶען גֶעבְּט דָאס נִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג; זִי הָאט דִיר דֶערְצֵיילְט אַז זִי הָאט גֶעהַאט אַ פְּלַאן צוּ טוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן בִּיז זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית פֵיגָא קֶעמְפּ אוּן זִיךְ דֶערְזֶען מִיט מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְן לִיבּ צְנִיעוּת, זִי הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז זִי גֵייט בְּלַייבְּן מִיט אִיר צְנִיעוּת, זִי גֵייט בְּלַייבְן אֵיידְל אָנְגֶעטוּן; פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ ווִי אַזוֹי דִי מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט.

דוּ זָאלְסְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט מֵיידְלֶעךְ וָואס גֵייעֶן נִישְׁט אָנְגֶעטוּן אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף - זָאלְסְטוּ זֵיי וַוייטֶער לִיבּ הָאבְן, זָאלְסְט קוּקְן אוֹיף זֵיי מִיט רַחְמָנוּת; ווייל בֶּאֱמֶת ווִילְן אַלֶע אִידְן זַיין גוּט, אַלֶע מֵיידְלֶעךְ ווִילְן זַיין עֶרְלִיךְ, זֵיי וֵוייסְן פָּשׁוּט נִישְׁט אַז דִי אִידִישֶׁע וֶועג אִיז גוּט, דִי עֶרְלִיכֶע וֶועג אִיז זִיס; דָאס מַאכְט זֵיי זָאלְן וֶועלְן אַנְטְלוֹיפְן אוּן טוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

זָארְג נִישְׁט, דַיין שִׁידוּךְ אִיז שׁוֹין דָא, דוּ גֵייסְט שׁוֹין וֶוערְן אַ כַּלָּה; דוּ הָאסְט ווּאוֹילֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי וֵוייסְן וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר, זֵיי קְלוֹיבְּן אוֹיס פַאר דִיר אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער בָּחוּר וָואס וֶועט לֶעבְן מִיט דִיר אַ לֶעבְן מִיט לִיבְשַׁאפְט.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן זַיין אַ טִיטְשֶׁער דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר.
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן אוֹיף אַ שֵׁיינֶע וֶועג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא בְּרֶסְלֶב.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צח) אַז תְּהִלִּים אִיז אַ שְׁטֶעקְן אוֹיף וָואס מֶען קֶען זִיךְ אָנְלַאנֶען, אַזוֹי וִוי אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ לֹא עָלֵינוּ גֵייט מִיט אַ שְׁטֶעקְן, עֶר פַארְלָאזְט זִיךְ דֶערוֹיף אוּן דָאס טְרָאגְט אִים אוּן פִירְט אִים וואוּ עֶר דַארְף גֵיין, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט תְּהִלִּים אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס אִים וִוי אַ שְׁטֶעקְן אוֹיף וָואס עֶר קֶען זִיךְ גוּט אָנְלַאנֶען, מֶען גֵייט דוּרְכְדֶעם אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע שְׁוָועגֶערְס; מֶען טָאר נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן מִיט פְּרֶעמְדֶע מֶענֶער. עֶנְטְפֶערְן אַ שְׁאֵלָה קֶענְסְטוּ, אָבֶּער אַרַיין גֵיין אִין אַ פְּרַיינְטְלִיכֶע שְׁמוּעֶס אִיז נִישְׁט גוּט.

דַארְפְסְט נִישְׁט אָפְּהַאקְן, טוּ עֶס מִיט שֵׂכֶל; אַז יֶענֶער הֵייבְּט אָן אַ פְרַיינְטְלִיכֶע שְׁמוּעֶס דְרֵיידְט מֶען זִיךְ אַרוֹיס מִיט חָכְמָה, בִּיז יֶענֶער פַארְשְׁטֵייט אַלֵיינְס אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא מִיט וֶועם צוּ שְׁמוּעֶסְן. דָאס דַארְף מֶען טוּן מִיט גְרוֹיס חָכְמָה נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין מַחֲלֹקֶת אִין דִי מִשְׁפָּחָה; אַז מֶען וֶועט דִיר פָארְהַאלְטְן, מֶען וֶועט דִיר זָאגְן דוּ בִּיסְט צוּ פְרוּם זָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן אוּן זָאגְן: "אִיךְ בִּין שֶׁעמֶעדִיג".

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען דִי צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם מֶלֶךְ אוּן דֶער קֵיסָר, דָארְט לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיס דִי וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן מִיט חָכְמָה פוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, דִי חָכְמָה פוּנֶעם בַּת קֵיסָר וָואס הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְן נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט פְּרֶעמְדֶע מֶענֶער. וֶוען אֵיינֶער הָאט אִיר גֶעוָואלְט בַּאצְוואוּנְגֶען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן הָאט זִי גֶעזָאגְט: "אַוַדַאי

וֶועל איך חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט דיר, אָבֶּער נָאר בִּתְנַאי אַז דוּ רִירְסְט מִיר נִישְׁט אָן בִּיז מִיר וֶועלְן מַאכְן דִי חֲתוּנָה כְּדָת וּכְדִין", און שְׁטִילֶערְהֵייט אִיז זִי נֶעלָם גֶעוָוארְן; קוּק נָאך דִי מַעֲשֶׂה.

בְּנוֹגֵעַ דִי עֶסְן וָואס דוּ קֶענְסְט נִישְׁט עֶסְן; מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ אַלֶעס קֶענֶען עֶסְן. בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיך דַאנְק דיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע זִיסֶע הֶערְלִיכֶע לֶעבְּן, יִיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיך בִּין גֶעזוּנְט, יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיך הָאבּ אַלֶעס אִין מַיין לֶעבְּן.

אִיך בֶּעט דיר זֵייעֶר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיך זָאל קֶענֶען עֶסְן דִי אַלֶע עֶסְן וָואס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מַיין קֶערְפֶּער (רֶעכְן אוֹיס אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט נִישְׁט עֶסְן), הֶעלְף מִיר אִיך זָאל קֶענֶען אַלֶעס פַארְדֵייעֶן, אִיך זָאל קֶענֶען הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דַיין שֵׁיינֶע וֶועלְט.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיך וֵוייס אַז אַלֶעס וָואס אִיך טָאר נִישְׁט עֶסְן אִיז פַאר מַיין טוֹבָה, עֶס אִיז נָאר גוּט, עֶס אִיז בְּלוֹיז חֲסָדִים, אִיך הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת, אִיך גְלֵייבּ אַז אַלֶעס אִיז פַאר מַיין טוֹבָה, דָאךְ הָאסְטוּ אוּנְז גֶעזָאגְט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַז מֶען זָאל דַאוֶוענֶען פַאר דִיר, מֶען זָאל מִיט תְּפִלָּה טוּישְׁן אַלֶעס אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ זֶען דָאס גוּטְס, בֶּעט אִיך דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּ בִּיסְט אַ כֹּל יָכוֹל, דוּ מַאכְסְט אַלֶעס, דוּ טוּסְט אַלֶעס; מַאךְ אַ נֵס אַז אִיך זָאל קֶענֶען עֶסְן אַלֶעס, אִיך זָאל נִישְׁט זַיין אוֹיסְגֶעשְׁלָאסְן פוּן דִי עֶסְן אוּן יֶענֶע עֶסְן".

אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ צוּלֵייגְן אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת פוּן דַיין הַארְץ - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים פוּן קֶעמְפ, הֶעלְף דַיין מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט וֶוען מֶען גֵייט אַהֵיים פוּן קֶעמְפּ זָאלְסְטוּ אַסַאךְ הֶעלְפְן דַיין מַאמֶע; אַ גַאנְץ זוּמֶער הָאט דַיין מַאמֶע נִישְׁט גֶעהַאט דַיין הִילְף, זִי הָאט זִיךְ אַלֵיינְס גֶעדַארְפְט פָּארֶען מִיט דִי שְׁטוּב אַרְבֶּעט, מִיט דִי קִינְדֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳; דַארְפְן אַלֶע מֵיידְלֶעךְ וִויסְן אַז וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים נָאכְן זַיין פַאר לַאנְגֶע וָואכְן אִין קֶעמְפּ דַארְף מֶען הֶעלְפְן דִי מַאמֶע מִיט שִׂמְחָה.

דִי קֶעמְפּ הָאט גְרוֹיסֶע מַעֲלוֹת, אוֹיךְ הָאט עֶס גְרוֹיסֶע חֶסְרוֹנוֹת; דִי גְרֶעסְטֶע חִסָרוֹן אִיז אַז עֶס זֶענֶען דָא מֵיידְלֶעךְ וָואס וֶוערְן צוּגֶעוואוֹינְט צוּ גָארְנִישְׁט טוּן, מֶען פַארְגֶעסְט וָואס מֵיינְט הֶעלְפְן, מֶען פַארְגֶעסְט וָואס מֵיינְט אַ מַאמֶע, מֶען אִיז אַרַיין גֶעטוּן אִין פַארְוֵויילוּנְג אוּן שְׁפִּילְן, מֶען וֶוערְט אַזוֹי פַארְשְׁפִּילְט אַז מֶען פַארְגֶעסְט וָואס לֶעבְּן אִיז.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זַיין פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס וֶועלְן אַהֵיים קוּמֶען צוּם שְׁטוּב אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן הֶעלְפְן דִי מַאמֶע מִיט שִׂמְחָה, אִיר הֶעלְפְן אַזוֹי סַאךְ אוֹיפְ׳ן גַאנְצְן זוּמֶער וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן.

זָארְג נִישְׁט פַאר דַיין שִׁידוּךְ, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶער עֶרְלִיכֶער וואוֹילֶער בָּחוּר; אִיךְ גֶעב דִיר דִי זֶעלְבֶּע בְּרָכָה וָואס אִיךְ גֶעב פַאר אַלֶע תַּלְמִידוֹת וָואס פִירְן זִיךְ וִוי מֶען לֶערְנְט אִין בֵּית פֵיגָא, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַ בָּחוּר אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן אַ יְרֵא שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶען דַארְף אַסַאךְ תְּפִילוֹת אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ו׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

יֶעצְט אִיז אַרוֹיס נִישְׁט גוּטֶע נֵייעֶס, אַז אוּקְרֵיינָא מַאכְט צוּ דֶעם שַׁבָּת כִּי תֵצֵא זֵייעֶר גְרֶענִיץ בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר; מֶען דַארְף אַסַאךְ תְּפִילוֹת אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ זוּךְ צוּ בָּארְגְן אַ סֵפֶר תּוֹרָה בִּיז נָאךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג; אוֹיב דוּ וֵוייסְט וֶוער עֶס הָאט צוּ פַארְבָּארְגְן אַ סֵפֶר תּוֹרָה זַיי מִיר מוֹדִיעַ.

...

## מִיר זֶענֶען וַוייטֶער מִתְפַּלֵל פַּאר דִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער פְרַיינְט ... נֵרוֹ יָאִיר.**

חַסְדֵי הַשֵּׁם כִּי לֹא תָמְנוּ! אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ בִּיסְט אַרוֹיס פוּן דִי גְרוּבּ, מֶען הָאט דִיר עֶנְדְלִיךְ בַּאפְרֵייט פוּן דִי תְּפִיסָה בְּתוֹךְ תְּפִיסָה.

אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז דִי קִינְדֶער, סַיי אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, סַיי אִין מֵיידְל סְקוּל - בֶּעטְן יֶעדְן טָאג פַּאר דִיר דוּ זָאלְסְט שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן תְּפִיסָה.

אִיךְ וֶועל אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם שִׁיקְן אַ בָּחוּר זָאל אַהֵיים בְּרֶענְגֶען דַיין מִשְׁפָּחָה פוּן קָאנְטְרִי.

מִיר אַלֶע זֶענֶען יֶעצְט זֵייעֶר בַּאזָארְגְט אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; עֶס גֵייעֶן אַרוּם שְׁמוּעֶסְן אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען פָּארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מִיר הָאפְן אוּן בֶּעטְן אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי׳ן אוּן פּוֹעֵלְ׳ן אַלֶעס גוּטְס פַּאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זַייט קְלוּג, אוּן הַאלְט אַייךְ וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, מַאנְטְשֶׁעסְטֶער.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן וִוי שְׁטַארְק אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַזֵק מִיטְ׳ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶועג אוּן פוּן אַייעֶר שְׁטַארְקֵייט נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן אַלֶע וָואס שְׁפֶּעטְן וְכוּ׳.

איר זֶענְט אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת און אַ קְלוּגֶע מֵיידל אַז איר זֶענְט גֶעשְׁטַאנֶען וַוייט אִין קֶעמְפְּ פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט ווִי דִי גוֹיִם מִיט זֵייעֶרֶע עֶקֶלְדִיגֶע מַעֲשִׂים הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיר וֶועט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב און מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַּאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר טַאטֶע וְכוּ׳; מִיר דַארְפְן טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין אַ טַאטֶע אָן קַיין תְּנָאִים, אֲפִילוּ דֶער טַאטֶע זָאל זַיין צֶעבְרָאכְן און צֶעקְלַאפְּט, עֶר אִיז אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ אַז זַיין אוֹיפְפִירוּנְג אִיז נִישְׁט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין - דַארְף מֶען אִים אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאמֶע אִיז אַ צַדֶיקֶת, זִי פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק מִיט אִיר, גֵייטְס אִין אִירֶע וֶועגְן און אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זָאלְט אִיר מְכַבֵּד זַיין אַייעֶר טַאטֶע וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, אֲפִילוּ אִיר הָאט אִים נִישְׁט לִיבּ.

בְּנוֹגֵעַ דִי מָאוִוי"ס וָואס אִיר הָאט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן; אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס פַּאר אַ גוּטֶע זַאךְ אִיר הָאט גֶעטוּן פַּאר זִיךְ, אִיר וֵוייסְט נִישְׁט ווִי שֵׁיין און גוּט אַייעֶר לֶעבְּן וֶועט אֵייךְ זַיין. וֶוען מֵיידְלֶעךְ זָאלְן ווִיסְן ווִי שְׁלֶעכְט עֶס אִיז פַאר זֵיי דָאס קוּקְן מָאוִוי"ס - וָואלְטְן זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן דָאס צוּ קוּקְן, עֶס הַרְגְ׳עט דָאס לֶעבְּן. אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶע מָאוִוי"ס און אִיר וֶועט מֶער נִישְׁט לִיבּ הָאבְּן דִי עֶקְטֶערְס.

זָאגְטְס וַוייטֶער תְּהִלִּים, פְּרוּבִּירְטְס צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ תְּהִלִּים, דָאס וֶועט אוֹיסְוַואשְׁן אַייעֶר נְשָׁמָה אִיר זָאלְט זַיין רֵיין און לוֹיטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**סְתַּם אוֹיסְוַוארְפְן גֶעלְט פַאר אַפָּאר שָׁעָה, אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז׳ אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין שֵׁיינֶע שִׂמְחוֹת, מֶען מֶעג מַאכְן שֵׁיינֶע שִׂמְחוֹת, מִיר מַאכְן אוֹיךְ שֵׁיינֶע שִׂמְחוֹת; וָואס טְרַאכְט אִיר, דִי מֶענְטְשְׁן פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זֶענֶען נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן מִיט טַעַם? מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן? מִיר ווִילְן נִישְׁט שֵׁיינֶע זַאכְן? תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פַארְשְׁטֵייעֶן זֵייעֶר גוּט וָואס שֵׁיין אִיז און מִיר ווִילְן אוֹיךְ שֵׁיינֶע זַאכְן.

אָבֶּער סְתַּם אוֹיסְוַוארְפְן גֶעלְט פַאר אַפָּאר שָׁעָה - אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה; דָאס וָואס דִי עֲשִׁירִים טוּעֶן, זֵיי מַאכְן זִיךְ מְשׁוּגָע פַאר אַפָּאר שָׁעָה, זֵיי זוּכְן כָּבוֹד, זֵיי זֶענֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ פַארְשְׁעמֶען פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד - דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז אָסוּר.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט; מֶען בָּארְגְט גֶעלְט פַאר נִישְׁטִיגֶע פָּאר שָׁעָה אוֹיף נַארִישֶׁע זַאכְן וָואס פֶעלְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס, עֶכְטֶע בְּלוּמֶען, טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער און אַ טֵייעֶרֶע זַאל - אִיז דָאס זִיכֶער אַ גְרוֹיסֶע זִינְד.

דֶערִיבֶּער הָאט מוֹהֲרָא"ש אַיינְגֶעפִירְט אִין יַבְנְאֵל אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן מַאכְן שִׂמְחוֹת אִינֶעם זַאל וָואס דִי קְהִלָּה שְׁטֶעלְט צוּ בְּחִנָּם; דִי עֶסְן טֵיילְט מֶען אַיין צְווִישְׁן דִי מִשְׁפָּחוֹת, יֶעדֶער אֵיינֶער בְּרֶענְגְט עֶפֶּעס לְכָבוֹד דִי שִׂמְחָה, עֶס קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר דִי מְחוּתָּנִים, דִי סְעוּדָה אִיז אַ סְעוּדָה און דִי שִׂמְחָה אִיז אַ שִׂמְחָה.

אַז אִיר ווִילְט מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה אִין שְׁטוּב לְכָבוֹד דִי בַּר מִצְוָה אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, און אַז אִיר ווִילְט זִיךְ אָנְטוּן מִיט אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם; אַדְרַבָּה, מַאכְטְס אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה, דַאנְקְטְס און לוֹיבְּטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ. גֶעדֶענְקְטְס נָאר וָואס אִיז דֶער עִיקָר פוּן דִי שִׂמְחָה, דֶער עִיקָר שִׂמְחָה אִיז דָאס אַז אַייעֶר זוּן גֵייט אַרַיין לְעֹל הַמִּצְווֹת; עֶר הֵייבְּט אָן לֵייגְן תְּפִילִין, עֶר הֵייבְּט אָן טוּן מִצְוֹת, עֶר וֶוערְט מְחוּיָב בְּמִצְווֹת - דָאס אִיז דִי עִיקָר שִׂמְחָה פוּן דִי בַּר מִצְוָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין טַאטְן זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט דֶערְצֵיילְן, דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם קִיְווִיַאשְׁדֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַ טָאג נָאכְן בַּר מִצְוָה מַאכְן אַ זוּן; דֶער קִיְווִיַאשְׁדֶער רָב הָאט גֶעלַיידְנְט דֶעם רֶבִּי'ן צוּ דִי בַּר מִצְוָה פוּן זַיין זוּן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, וַוייל נָאכְדֶעם וֶועט עֶר דַארְפְן גֵיין צוּ יֶעדְנ'ס בַּר מִצְוָה. אָבֶּער הֱיוֹת דֶער רַב אֵייכְנְשְׁטֵיין הָאט אַסַאךְ גֶעהָאלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן הָאט דֶער רֶבִּי אָפְּגֶעשְׁטַאט אַ בַּאזוּךְ בַּיי אִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דִי אַמֶערִיקַאנֶער עוֹלָם, בַּיי זֵיי מַאכְט

מֶען אַ גַאנְצֶע עֵסֶק אִינֶעם טָאג פוּן דִי בַּר מִצְוָה, מֶען טְרָאגְט דֶעם בָּחוּר אִין שׁוּל מִיט דִי תְּפִילִין, מֶען טוּט אִים אָן אַ קַאפְּל מִיט אַ טַלִּית אוּן מֶען מַאכְט אַ גַאנְצֶע עֵסֶק אִינֶעם טָאג פוּן דִי בַּר מִצְוָה, אָבֶער דָאס אִיז נָאר יֶענֶעם טָאג, אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער טוּעֶן זֵיי אוֹיס דֶעם קַאפְּל מִיט דִי תְּפִילִין וְכוּ'. בַּיי זֵיי, אוֹיב קוּמְט מֶען נִישְׁט צוּ דִי בַּר מִצְוָה הָאט מֶען פַארְפַּאסְט דִי בַּר מִצְוָה, אָבֶער בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן הֵייבְּט זִיךְ אָן דִי בַּר מִצְוָה אִינֶעם טָאג וָואס מֶען וֶוערְט אַ גָּדוֹל אוּן עֶס צִיט זִיךְ פַאר דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן, אוֹיבּ אַזוֹי בִּין אִיךְ נָאךְ יֶעצְט בַּיי דִי בַּר מִצְוָה..."

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן טוּן דִי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## צְנִיעוּת בַּיים אַרְבֶּעטְס פְּלַאץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ז' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

גֶעבְּטְס זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג אִיר זָאלְט אַרְבֶּעטְן בִּצְנִיעוּת, גֶעבְּטְס אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ רֶעדְן פְרַיינְטְלִיךְ מִיט קַיין שׁוּם פְרֶעמְדֶער מַאן; אַלֶע שְׁאֵלוֹת וָואס הָאט צוּ טוּן מִיט דִי אַרְבֶּעט זָאלְט אִיר עֶנְטְפֶערְן קַאלְט אוּן טְרוּקְן, קוּרְץ אוּן שַׁארְף, נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוייניגֶער.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דִי מַצָּב אִיז דָארְט בַּיי דִי אַרְבֶּעט, דָאס דַארְפְט אִיר אַלֵיינְס וויסְן, אוֹיבּ אִיז דָאס גוּט פַאר אַייךְ אָדֶער נִישְׁט; וַוייל אוֹיבּ פִירְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אֵיידֶל - אִיז נִישְׁט וֶוערְד דִי גַאנְצֶע דְזְשַׁאבּ, עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר דִי פָּאר דָאלֶער, עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן יֶענֶע וֶועלְט פַאר דִי פָּאר דָאלֶער.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זַיין אִין אַ גוּטֶע פְּלַאץ, אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְּן צוּ טוּן מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענֶער, אִיר זָאלְט זַיין אִין אַ רֵיינֶע פְּלַאץ; מַאכְטְס הִתְבּוֹדְדוּת אִיר זָאלְט וויסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, וַוייל דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת שְׁווִימְט אַרוֹיף דִי אֱמֶת. וֶוען מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶע

פְּרָטִים - שְׁווּמְט אַרוֹיף דִי אֱמֶת, מֶען וֵוייסְט נָאכְדֶעם ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

טוֹטְס וָואס יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן בַּיי דֶעם גוֹי טָמֵא פּוֹטִיפַר, עֶר הָאט אַ גַאנְצְן צַייט גֶעבֶּעטְן שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, בִּיז דֶער גוֹי טָמֵא פּוֹטִיפַר הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פו, ה) יוֹסֵף הַצַּדִּיק פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן זִיךְ זַיינֶע לִיפְּן גֶעשָׁאקְלְט, בִּיז פּוֹטִיפַר הָאט אִים אֵיינְמָאל גֶעפְרֶעגְט: "זָאג מִיר, וָואס שָׁאקְלְסְטוּ מִיט דַיינֶע לִיפְּן, דוּ מַאכְסְט כִּישׁוּף?!" הָאט אִים יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין כִּישׁוּף מַאכֶער, אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס אִיךְ בֶּעט אִים אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ שְׁלֶעכְטְס".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין, מִיר גְרֵייטְן זִיךְ מִיט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנוֹת צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דִי יָאר הָאט מֶען אוּנְז גֶעשְׁטֶעלְט אַזֶעלְכֶע מְנִיעוֹת, מֶען הָאט פַארְשְׁפַּארְט דִי

גְרֶענִיץ אִין אוּקְרֵיינָא, נָאר אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דֶעם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה; גוֹיִם לָאזְט מֶען אַרַיין, נָאר אִידְן שִׁיקְט מֶען צוּרִיק. מֶען זֶעט קְלָאר ווִי דִי טוּמְאָה קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי צַד הַקְדוּשָׁה, מֶען שְׁטֵייט שׁוֹין אַזוֹי נָאנְט צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט פוּן גָלוּת, פְּרוּבִּירְט דִי צַד הַטוּמְאָה צוּ טוּן וָואס זֵיי קֶענֶען; זֵיי ווִילְן צֶעשְׁטֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז, אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר".

בַּיי אוּנְז אִין בִּנְיָן מַאכְט מֶען שׁוֹין דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנוֹת; אַלֶעס אִיז שׁוֹין גְרֵייט אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועלְן מִיר פָארְן אִין צְוֵויי וָואכְן אַרוּם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## נִישְׁט זִיךְ שְׁרַייבְּן מֶעסֶעדְזְשֶׁעס צְווִישְׁן חָתָן כַּלָּה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ', יִבְנְאֵל.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מַזָּל טוֹב, מַזָּל טוֹב! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

עֶס אִיז נִישְׁט דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן דוּרְךְ מֶעסֶעדְזְשֶׁעס צְווִישְׁן חָתָן

כַּלָּה; אִיךְ לָאז נִישְׁט מַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידוֹת זִיךְ שְׁרַייבְּן מֶעסֶעדְזְשֶׁעס, עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי קָאפּ אוּן מֹחַ אוּן נָאךְ אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען.

אִיר קֶענְט אָפְּמַאכְן אַ צַייט, צְוֵויי מָאל אַ וָואךְ - צוּ רֶעדְן מִיט אַייעֶר חָתָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## לֶערְנֶען צוּפְרִי אִינֶעם נֵייעֶם כּוֹלֵל בּוֹקֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״א אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שֵׁיינֶעם זוּמֶער, הֶערְלִיכֶע וָואכְן פוּן אֱמוּנָה, פוּן תּוֹרָה אוּן פוּן תְּפִלָּה; יֶעצְט עֶנְדִיגְן מִיר דִי צְוֶועלְפְטֶע יָאר פוּן וֶוען דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן. עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גְרִינְג גֶעוֶוען דִי צְוֶועלְף יָאר, אָבֶּער אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק הָאט זִיךְ עֶס גֶעלוֹינְט; מֶען זֶעט וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דִי יְשִׁיבָה דוּרְכְאוֹיס דִי צְוֶועלְף יָאר, וְויפִיל בָּחוּרִים, אִינְגֶעלַייט אוּן גַאנְצֶע מִשְׁפָּחוֹת לֶעבְּן מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס חִיזּוּק, מִמֵּילָא לוֹינְט זִיךְ אָנְצוּגֵיין וַוייטֶער, זָאל זַיין וִוי שְׁוֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

אִיךְ בִּין שׁוֹין אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּרִיק פוּן שְׁטֶעטְל קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג; אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי וֶועט שׁוֹין זַיין דִי שִׁיעוּר גְמָרָא אִין יְשִׁיבָה אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים וֶועלְן פָארְקוּמֶען וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ.

מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף עֶפֶענֶען מִיר אַ כּוֹלֵל בּוֹקֶר אִין יְשִׁיבָה, זֶעקְס אַזֵייגֶער אִינְדֶערְפְרִי; אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אַלֶע אִינְגֶעלַייט פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג וֶועלְן אַנְטֵייל נֶעמֶען אוּן קוּמֶען לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי. עֶס וֶועט זַיין אַ מִנְיָן זִיבְּן אַזֵייגֶער אוּן גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען - אַכְט אַזֵייגֶער - וֶועלְן מִיר לֶערְנֶען אַ בְּלַאט בַּבְלִי, אַ בְּלַאט יְרוּשַׁלְמִי אוּן אַ פֶּרֶק רַמְבַּ״ם. נָאכְדֶעם וֶועט זַיין אַ מִנְיָן צֶען אַזֵייגֶער פוּן דִי קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים.

צְוֵויי אַזֵייגֶער וֶועט זַיין דֶער שִׁיעוּר אִין גְמָרָא פֵּרַשִׁ״י תּוֹסְפוֹת, דְרֵיי אַזֵייגֶער

וֶועלְן מִיר דַאוֶועֶנֶען מִנְחָה און אום פִינְף אַזֵייגֶער וֶועט זַיין דֶער שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער קָאךְ גֵייט אָן, עֶס וֶוערְן גֶעקָאכְט פֵיינֶע עֶסְן (הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ דָאס אִיז דֶער קָאךְ), און דִי פֵייגְל בְּלָאזְן, זֵיי ווִילְן פַארְלֶעשְׁן דִי פֵייעֶר, (דָאס זֶענֶען דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן און בַּאשְׁמוּצְן דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ); נִישְׁט נָאר זֵיי קֶענֶען נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן דִי פֵייעֶר און זֵיי וֶועלְן נִישְׁט פַארְלֶעשְׁן דֶעם פֵייעֶר, נָאר זֵיי מַאכְן בְּלוֹיז שְׁטֶערְקֶער און שְׁטֶערְקֶער דָאס פֵייעֶר, און אַז עֶס אִיז דָא פֵייגְל וָואס בְּלָאזְן דִי פֵייעֶר וֵוייסְט מֶען וואו דֶער קָאךְ גֶעפוּנְט זִיךְ, (דָאס אִיז דֶער סִימָן פון אַ הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, אַז מֶען רֶעדְט און מֶען מַאכְט חוֹזֶק; מֶען פָּאכֶעט מִיט דִי פְלִיגְל, דָאס אִיז דֶער סִימָן וואו דֶער קָאךְ גֶעפוּנְט זִיךְ), און וֶוער עֶס הֵייבְּט אָן עֶסְן פון דִי גוּטֶע עֶסְן און וֶוער עֶס שְׁמֶעקְט נָאר דִי גֶערוּךְ פון דִי גוּטֶע עֶסְן הֵייבְּט גְלַייךְ אָן שְׁרֵייעֶן עֶס שְׁטוּנְקְט; אִין אָנְהֵייבּ וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס שְׁטוּנְקְט, בִּיז מֶען כַאפְּט זִיךְ אַז מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן; קוּק נָאךְ דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, צוּם סוֹף (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב).

גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "נִצַּחְתִּי וַאֲנַצֵּחַ, גָּמַרְתִּי וְאֶגְמוֹר, אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט און אִיךְ וֶועל אוֹיסְפִירְן, אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט און אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### נוּצְטְס אוֹיס דִי שְׁטֶעטְל פַאר הִתְבּוֹדְדוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', קְרִיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין אִין שְׁטֶעטְל דוּרְכְאוֹיס דִי זוּמֶער וָואכְן; עֶס אִיז אַ הֵיילִיג פְּלַאץ, אַ רֵיינֶע פְּלַאץ; עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט, אַ פְּלַאץ וואו יֶעדֶער אֵיינֶער לֶעבְּט פַאר זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעדֶע דִינְסְטָאג נַאכְט וֶועט זַיין אַ צַאמְקוּם פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן פון שְׁטֶעטְל; אִיךְ הָאף אָנְצוּגְרֵייטְן אַפָּאר וֶוערְטֶער, חִיזוּק פון רֶבִּי'ן וָואס מֶען וֶועט אוֹיפְשְׁפִּילְן;

דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן חִיזוּק וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט אַייעֶר אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער.

נוּצְטְס אוֹיס דִי שְׁטֶעטְל פַּאר הִתְבּוֹדְדוּת; יֶעצְט אִיז נָאךְ נִישְׁט קַאלְט, עֶס אִיז שֵׁיינֶע וֶועטֶערְס, זֶעצְט אַייךְ אַרוֹיס אוֹיפְ'ן פֶעלְד נֶעבְּן שְׁטוּבּ מִיט אַ תְּהִלִּים אוּן זִינְגְטְס דִי שֵׁיינֶע גֶעזַאנְגֶען וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיר דַארְפְט וֶועט אִיר זֶען וואוּנְדֶער וָואס עֶר וֶועט טוּן מִיט אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אִינְדֶערְפְרִי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - א׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״א אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ׳ גֶעוֶועְן צוּ זַיין צְוִוישְׁן אַייךְ דוּרְכְאוֹיס דִי זוּמֶער וָואכְן צוּזַאמֶען מִיט דִי בָּחוּרִים; אִין בִּין צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג אָבֶּער אִיךְ וֶועל וַוייטֶער זַיין מִיט אַייךְ.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן אַלֶע אִינְגֶעלַייט מֶען זָאל קוּמֶען לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי פַארְ'ן דַאוֶוענֶען. מֶען וֶועט דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג זִיבְּן אַזֵייגֶער; אִיךְ וִויל אַייךְ מְחַזֵּק זַיין אִיר זָאלְט אַלֶע קוּמֶען לֶערְנֶען אִינְדֶערְפְרִי, דֶער טָאג אִיז אַן אַנְדֶערֶע טָאג וֶוען מֶען לֶערְנְט אִינְדֶערְפְרִי, דֶער טָאג אִיז אַן אַנְדֶערֶע טָאג וֶוען מֶען הֵייבְּט דָאס אָן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן אַ מִקְוֶה, עֶס אִיז דָא אַ בְּרָכָה אִינֶעם טָאג; אַמָאל קֶען מֶען אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער אַ גַאנְצְן טָאג אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּרָכָה אִינֶעם טָאג, אָבֶּער אַז מֶען הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז דָא אַ בְּרָכָה אִין דִי אַרְבֶּעט.

נָאכְן דַאוֶוענֶען זָאלְט אִיר טַאנְצְן; צִינְדְט אָן לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק פַּאר אַפָּאר מִינוּט אוּן טַאנְצְט: ״אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּינוּ!״ ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי'ן, ווִי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט אוּנְז ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, נִישְׁט וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט ווִי מֶען וִויל.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר קוּמֶען דַאוֶונֶען מִנְחָה מַעֲרִיב אוּן מִיט הַאלְטְן דֶעם שִׁיעוּר גְּמָרָא, אָבֶּער נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיינַאכְט שְׁמוּעֶסְן; בַּיינַאכְט דַארְף מֶען זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, מֶען קֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן שְׁמוּעֶסְן.

נוּצְט אוֹיס דִי פֶּעלְדֶער אוּן וֶועלְדֶער מִיט הִתְבּוֹדְדוּת; עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק צוּ שְׁפַּאצִירְן אִין שְׁטֶעטְל מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ אוּן אִים בֶּעטְן מֶען זָאל נִישְׁט פַּארְפַאלְן וֶוערְן, מֶען זָאל זַיין עֶרְלִיךְ.

שְׁרַייבְּט מִיר וָואס אִיר ווִילְט פְרֶעגְן אוּן ווִיסְן, אִיךְ וֶועל אַייךְ גְלַייךְ עֶנְטְפֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דֶער רֶבִּי קֶען דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דַיין בְּלָאטֶע**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי גֵיי אִין מִקְוֶה, בִּפְרַט אַז דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן - זָאלְסְטוּ זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט: "וֶוער עֶס גֵייט אִין מִקְוֶה וֶועט צוּם סוֹף הָאבְּן אַ תִּקְוָה אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן".

מֵיין נִישְׁט אַז דוּ בִּיסְט פַארְפַאלְן, טְרַאכְט נִישְׁט אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ; דֶער רֶבִּי הָאט אַ וֶועג פַאר דִיר, דֶער רֶבִּי קֶען דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דַיין בְּלָאטֶע, בִּתְנַאי אַז דוּ וֶועסְט אִים פָאלְגְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָּׁה, "שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", עֶר אִיז אַזוֹי אַרָאפּ גֶעפַאלְן, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם

חַס וְשָׁלוֹם; וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת אוּן אִין גְמָרָא וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה. זָאג נִישְׁט דוּ בִּיסְט פַּארְפַאלְן, זָאג נִישְׁט דוּ הָאסְט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט אַז עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן דִי עֵצָה, וַוייל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז רָגִיל אִין דִי עֶקֶלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה וֶועט עֶר אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן; מֶען זֶעט קְלָאר וִוי דִי כֹּחַ הַטּוּמְאָה קְרִיגְט זִיךְ דָא מִיט דִי צַד הַקְּדוּשָּׁה, דִי אוּקְרֵיינָא רֶעגִירוּנְג זָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן פַארְמַאכְט דִי גְרֶענִיץ צוּלִיבּ קָארָאנֶע, אָבֶּער עֶס שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס קְלָאר אַז מֶען לָאזְט אַרַיין גוֹיִם, נָאר אִידְן שִׁיקְט מֶען צוּרִיק, זֶעט מֶען קְלָאר אַז דָאס אִיז דִי צַד הַטּוּמְאָה וָואס צִיטֶערְט פוּן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מִיר דַארְפְן אַיינְרַייסְן וֶועלְטְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן; מִיט תְּפִלָּה וֶועלְן מִיר אָנְקוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### כּוֹלֵל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״א אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז מִיר הַיינְט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אַז מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט אוּנְזֶער צְוֵוייטֶע כּוֹלֵל; מִיר הָאבְּן שׁוֹין אֵיין כּוֹלֵל אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, הַיינְט הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי צְוֵוייטֶע כּוֹלֵל אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

יֶעצְט וֶועט דִי שְׁטֶעטְל וַואקְסְן מֶער אוּן מֶער, וַוייל אַז דִי פְּלַאץ אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף תּוֹרָה הָאט דָאס אַ קִיוּם.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט פְּלַייסִיג; אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן שְׁטֶערְן פוּן קֵיינֶעם. אַז עֶס קוּמֶען אַריין מֶענְטְשְׁן דוּרְכְ׳ן טָאג אִין שׁוּל וָואס זוּכְן וָואס צוּ טוּן מִיט זֵייעֶר צַייט זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט לָאזְן שְׁטֶערְן, זָאלְסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען פְּלַייסִיג וֶועלְן זֵיי פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### מַאךְ יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנוֹת צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ב אֱלוּל, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹי גֶעוַואלְד, וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועסְטוּ פַארְשְׁוַוארְצְט וֶוערְן? וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועסְטוּ זִינְקֶען אִין בְּלָאטֶע?

יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דָאךְ אַ צַייט וָואס מֶען קֶען צוּרִיק וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען קֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוארְף אַוֶועק דַיינֶע מָאוִוי״ס, וַוארְף אַוֶועק דַיינֶע קְלִיפּ״ס, וַוארְף אַוֶועק דַיין טֶעלֶעפָאוֹן, אֵייפַּא״ד, אֵייפֶּע״ד, טֶעבְּלֶע״ט; מִיר פָארְן דָאךְ שׁוֹין אָט אָט צוּם רֶבִּי׳ן, מִיט וָואס פַאר אַ

פָּנִים וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן? מִיט וָואס פַאר אַ פָּנִים וֶועסְטוּ שְׁטֵיין בַּיים צִיּוּן?

דוּ וֵוייסְט דָאךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גְעוֶוען אִין אוּמַאן הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי מֶען שְׁרַייט אוֹיפְ'ן בֵּית הַחַיִּים בַּיי דִי קְבָרִים פוּן דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ', אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט וִוי אַ פְרוֹי שְׁרֵייט בַּיי דֶעם קֶבֶר פוּן אִיר טַאטֶע, זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "טַאטֶע! טַאטֶע!" מִיט אַ וֵויינֶעדִיגֶע קוֹל, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנו): "דוּ הֶערְסְט וִוי דִי פְרוֹי וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק, אָבֶער קֵיינֶער הֶערְט אִיר נִישְׁט אוֹיס, וַוייל אִיר טַאטֶע אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא, אָבֶער וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער צַדִּיק אִיז יָא דָארְט אוּן הֶערְט זִיךְ צוּ, וַוייל וֶוען אַ צַדִּיק גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער גֵייט אַרוֹיס פוּן אֵיין שְׁטוּב צוּם צְוֵוייטְן שְׁטוּב", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּב אוּן דוּ וֶועסְט שְׁרַייעֶן 'טַאטֶע' וֶועל אִיךְ דִיר זִיכֶער הֶערְן, אַזוֹי וֶועט זַיין וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן דוּ וֶועסְט שְׁרַייעֶן 'טַאטֶע', וֶועל אִיךְ דִיךְ הֶערְן אוּן אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן".

מַאךְ יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנוֹת, וַוארְף אַוֶועק אַלֶע כֵּלִים אוֹיף וָואס דוּ קוּקְסְט עֲבֵירוֹת אוּן טוּ תְּשׁוּבָה, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ קוּקְן דִי עֲבֵירוֹת, אִיךְ בִּין אַזוֹי טִיף אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין בְּלָאטֶע, מַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז אֵיין זַאךְ, נִיאוּף אוּן נָאכְאַמָאל נִיאוּף; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק גֵיין צוּ דֶעם, אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".**

אַנְשְׁטָאט קוּקְן נַייעֶס, קוּק דִי מִשְׁנַיוֹת; זָאג מִשְׁנַיוֹת, אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק - דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע נַייעֶס, אַזוֹי אוֹיךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא אִיז דִי בֶּעסְטֶע נַייעֶס.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אוֹיבּ דוּ מַאכְסְט דִי רִיכְטִיגֶע הֲכָנוֹת צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר

...

**אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט זַיין צְנִיעוּת'דִיג, כָאטְשׁ בֶּעט אוֹיף דֶעם**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"א אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן פוּן מַיין בְּרִיוו; אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ ווִילְסְט נִישְׁט זַיין צְנִיעוּת'דִיג, דוּ ווִילְסְט טוּן זַאכְן וָואס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג - דַארְפְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן פוּן דֶעם צֶעבְּרָאכְן, דוּ קֶענְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט אֵיין טָאג וֶועלְן זַיין גוּט אוּן וֶועלְן גֵיין אֵיידְל אָנְגֶעטוּן.

בְּנוֹגֵעַ פַארְבְּן דִי נֶעגְל; אִיךְ זָאג דִיר נָאכְאַמָאל: 'נֶעיל פַּאלִישׁ אִיז אַ חֲצִיצָה, אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט דֶעם', אוּן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט יָא לֵייגְן נֶעיל פַּאלִישׁ זָאלְסְטוּ כָאטְשׁ ווִיסְן וָואס אִיז רִיכְטִיג אוּן אוֹיף וָואס צוּ בֶּעטְן. זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן דִי שְׁטַארְקֵייט דָאס נִישְׁט צוּ לֵייגְן.

אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר; דוּ וֶוערְסְט צֶערִיסְן, פוּן אֵיין זַייט הָאסְטוּ דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ ווִילְסְט הָאבְּן דִי לֶעבְּן פוּן רֶבִּי'ן, דוּ ווִילְסְט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, אַ פְרֵיילִיכְקֵייט אִין לֶעבְּן, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶוען דוּ גֵייסְט אַהֵיים אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה מַאכְט חוֹזֶק פוּן צְנִיעוּת, זֵיי מַאכְן אַוֶועק דִי שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע לֶעבְּן - וֶוערְסְטוּ אַזוֹי צֶערִיסְן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ; אֲפִילוּ דוּ פַאלְסְט דוּרְךְ וְכוּ' וְכוּ' - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייטֶער מִיט דִיר, עֶר הָאט דִיר לִיבּ אוּן עֶר וַוארְט דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִים אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין מִיט דִיר.

בְּנוֹגֵעַ דַיין שִׁידוּךְ וְכוּ'; מֶען וַוארְט אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף דַיינֶע עֶלְטֶערְן, וַוייל דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז גְרֵייט צוּ גֵיין וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### תְּפִלָּה אִיז פָּשׁוּטְ'עֶ דִיבּוּרִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ב אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיט תְּפִלָּה וֶועלְן מִיר אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן; מִיט גְלִיסְטְן אוּן בֶּענְקֶען וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

מֵיין נִישְׁט אַז תְּפִלָּה אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט פַאר אוּנְז פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן, טְרַאכְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף עֶפֶּעס מֶער וִוי סְתַּם פָּשׁוּט דַאוֶונֶען; נֵיין, תְּפִלָּה אִיז פָּשׁוּט, אַזוֹי פָּשׁוּט אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ חַבֵר, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: "וָואס לַאכְט אִיר? דָאס אִיז תְּפִלָּה!"

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן רֶבִּינְ'ס לֶעבְּן - שְׁנַת תקע"א, אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן זַיין אֵיינִיקְל יִשְׂרָאֵלִ'יק, אַ זוּן פוּן שָׂרָה דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער; דֶער אֵיינִיקְל אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן: "דַאוֶוען פַאר מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט", הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "וָואס וֶועל אִיךְ בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים: "עֶר פִירְט זִיךְ שׁוֹין וִוי אַ גוּטֶער אִיד", (אַזוֹי פְלֶעגְט מֶען דֶעמָאלְט רוּפְן אַ רֶבִּי - 'אַ גוּטֶער אִיד'), הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן זַיין גָאלְדֶענֶעם זֵייגֶער; יִשְׂרָאֵלִ'יק הָאט גֶענוּמֶען דֶעם זֵייגֶער אוּן גֶעזָאגְט הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל: "גָאט גָאט! לָאז מַיין זֵיידֶע זַיין גֶעזוּנְט", אוּן אַלֶע הָאבְּן זִיךְ צוּלַאכְט, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס לַאכְט אִיר, וָואס דֶען אִיז תְּפִלָּה?!" זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט מֵיינֶענְדִיג צוּ זָאגְן וִוי אֵיינֶער פְרֶעגְט: 'דָאס מֵיינְט תְּפִלָּה? אוֹיף דֶעם הָאסְטוּ בַּאקוּמֶען אַ זֵייגֶער?!' הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט: "וָואס דֶען אִיז תְּפִלָּה?!" דָאס אִיז תְּפִלָּה! פָּשׁוּטְ'עֶ וֶוערְטֶער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם צוּגֶעלֵייגְטֶע זַאכְן וְכוּ'.

זָאג אַרוֹיס מִיט דַיינֶע לִיפְּן דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אוּן

**אַלֶע אִידְן, אַלֶע זָאלְן קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, וְתַטֶה לֵב הַמַלְכוּת עָלֵינוּ לְטוֹבָה. וְתִגְזוֹר עָלֵינוּ גְזֵרוֹת טוֹבוֹת, בֵּייג דִי הֶערְצֶער פוּן דִי רֶעגִירוּנְג זֵיי זָאלְן זַיין גוּט צוּ אִידְן, זֵיי זָאלְן אוּנְז אַרַיין לָאזְן צוּם רֶבִּי׳ן".**

מִיט תְּפִלָּה וֶועלְן מִיר אָנְקוּמֶען קַיין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...